# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **מטות מסעי - דברים** תשפ"ה ◆ עלון מס': **168**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### די הצלה אין א צייט פון מלחמה

איינס פון די ברייטע קוועלער פון וואו מען קען ארויסנעמען אסאך אמונה און באקומען א מהלך אין בטחון בה', איז די פסוקים אין תנ"ך.

שטייענדיג אין די ימי בין המצרים לאמיר כאפן א בליק אויף עטליכע פסוקים אין ירמי' וועלכע געבן א בליק ווי אזוי מען זאל זיך פירן היינטיגע צייטן מיט די אלע ענינים.

דער נביא אין ירמי' איז אין פרק ט"ל פסוק ח"י, און עס שלעפט נאך זיך טללי אורה ותחייה פאר יעדן מצב.

די פסוק לייגט זיך: **מלט אמלטך - בחרב לא תיפול כי בטחת בי נאום ה'.**

צו פארשטיין וואס עס ליגט דערונטער פון דער פסוק, פאדערט זיך אז מיר זאלן זיך באקענען מיט די לעבנסגעשיכטע פון ירמי' הנביא.

די פאסיגסטע פלאץ צו רעדן פון ירמי' הנביא איז צו רעדן פון זיין נאמען, דער נאמען וואס הקב"ה האט אים געגעבן.

די נאמען איז נוטריקון ירא מי-ה - דער רבוש"ע זאגט עדות אויף ירמי' אז ער איז געווען א ירא ה'.

ירמי' הנביא האט מורא געהאט איבערצוגעבן די נבואה וואס ער דארף איבערגעבן, אבער ער האט נאך מער מורא געהאט פון הקב"ה נישט צו זאגן די נבואה וואס הקב"ה האט אים געהייסן איבערגעבן פאר'ן כלל ישראל.

דורכאויס די תקופות הנביאים האט כלל ישראל זוכה געווען צו האבן אסאך נביאים אבער אינדערצייט וואס יעדער נביא האט זיך געהאט זיין תפקיד אין די נבואה, ווי צפניה הנביא וועלכער האט געזאגט נבואות אין די שולן און חולדה הנביאה וועלכע האט מוכיח געווען די פרויען, האט ירמי' הנביא געהאט א שווערע תפקיד - ער האט געדארפט מוסר'ן כלל ישראל אין א צייט ווען זיי האבן זיך געשפירט רואיג אז אלעס וואס זיי זען וועט חרוב ווערן און אז דער בית המקדש וועט ווערן פארניכטעט.

ירמי' הנביא איז געווען זייער יונג. דער פסוק זאגט עדות אז ירמי' הנביא האט געשריגן צו הקב"ה "הנה לא ידעתי דבר כי נער אנכי", איך בין נאך זייער יונג.

משה רבינו האט גע'מוסר'ט כלל ישראל אין די עלטערע יארן, און דא קומט א יונגער קינד און מוסר'ט כלל ישראל.

אבער דער רבוש"ע האט אים נישט געלאזט און געזאגט אז טאקע אין זיינע יונגע יארן איז ער ריין און יעצט איז דער צייט צו מוסר'ן כלל ישראל.

ירמי' האט זיך געדרייט אין די גאסן און גע'מוסר'ט די אידן, מען האט געלאכט פון אים.

עס איז געגאנגען אזוי ווייט אז אפילו זיינע נאנטע האבן געלאכט פון אים, מען האט אים געגעבן א צונאמען 'בוזי', און דער נאמען איז נאך געבליבן ביז היינט, אין תנ"ך הייסט זיין זון 'יחזקאל בן בוזי הכהן' אבער דאך - אויך נאך די אלע שוועריגקייטן האט זיך ירמי' אויסגעלאכט און ממשיך געווען מיט זיין הייליגע עבודה און גע'מוסר'ט כלל ישראל.

מען האט געלאכט פון אים, אבער עס איז געגאנגען ווייטער ווי דעם. די קעניגליכע שטאב האט אים נישט געקענט דערליידן, מען האט אים ארייננגעווארפן אין א גרוב אבער נישט אין סתם א גרוב.

די גרוב איז געווען פארפלייצט מיט וואסער, די ערד איז געווען געמאכט פון ליים, אזוי אז ער זאל נישט קענען ארויסגיין פון איר, און יונתן הסופר איז געשטאנען און אפגע'חוזק'ט פון אים שרייענדיג אויף אים ער זאל לייגן זיין קאפ אויף די ליים - אזוי וועסטו קענען שלאפן רואיג.

דער רבוש"ע האט געמאכט א נס אז די ליים האט זיך אויפגעהויבן העכער די וואסער און אזוי ארום האט זיך ירמי' געראטעוועט.

איין געטרייער תלמיד האט ירמי' געהאט, און דאס איז געווען ברוך בן נריה.

ברוך בן נריה האט געקעמפט פאר ירמי', און בשכר זה האט אים הקב"ה צוגעזאגט אז ער וועט אים מציל זיין.

אין דער לשון הפסוק זעט מען א מורא'דיגע זאך, דער רבוש"ע זאגט אים "**והצלתיך ביום ההוא**". פארוואס? "**כי בטחת בי, נאום ה'**"!!!

ברוך בן נריה האט געטון די ריכטיגע זאך און בשכר זאת האט אים הקב"ה מציל געווען, און דאס איז א שטארקער לימוד פאר אונז אז ווען א מענטש פארלאזט זיך אויף הקב"ה דארף ער נישט מורא האבן פון גארנישט - ווייל הקב"ה איז אים מציל פון אלעס.

אויך היינטיגע צייטן איז דאס די עצה, ביי יעדע צרה, אויב מען שטארקט זיך אין עבודת ה' און מען פארלאזט זיך אויפ'ן בורא כל העולמים וועט מען ניצול ווערן פון אלע שלעכטס, און עס וועט מקויים ווערן וואס עס שטייט "**בניי, אל תתייראו, הגיע זמן גאולתכם**", אמן!

(ארויסגענומען פון שיעור 328 אין שער הבטחון)

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### טיף און פארהוילן

פון די כאראקטערן וואס מאכן די היינטיגע וועלט אנדערש און אייגנארטיג פון די אמאליגע וועלט, איז דער 'פארשטיין' אלעס.

אין די היינטיגע וועלט מוז מען אלעס פארשטיין - אויב מען פארשטייט נישט דער געדאנק איז עס נישט אמת.

אז עס לייגט זיך אויפן שכל, נעם איך עס אן - אז נישט - איז עס נישט געשען.

דער היינטיגער וועלט שטעלט אהער פאר'ן מענטש א בליק אז ווי מער מען פארשטייט אלץ נענטער איז מען צום אמת. ווי ווייניגער מען פארשטייט אדער מען קען עס פארשטיין - אלץ ווייטער איז עס פון אונז.

דאס איז דער צוגאנג אין די אלגעמיינע וועלט, אבער ביי אונז אידן - וואס לעבן מיט אמונה איז דער בליק פונקט פארקערט.

מיר ווייסן אז וויפיל מען איז זוכה צו פארשטיין איז עס נאר א קליינער חלק פון די זאך - ווייל דער אמת איז אסאך העכער און טיפער.

די בעסטע ביישפיל וואס מיר האבן דערצו איז די פרה אדומה. אויף די פרה אדומה האט שלמה המלך געזאגט [קהלת ז. כג] אמרתי אחכמה היא רחוקה.

דער מהר"ל אין זיין ספר נר מצוה (חלק א - עניני ארבע המלכיות) ברענגט אראפ א מדרש אז די גלות איז צוגעגליכענט צו פרה אדומה, אזוי ווי מיר פארשטייען נישט די פרה אדומה צוליב איר טיפקייט, די זעלבע קען מען נישט פארשטיין די גלות, ווייל זי איז צו טיף און פארהוילן.

מענטשן פרעגן און ווילן פארשטיין, פארוואס נעמט די גלות אזוי לאנג? פארוואס איז עס אזוי שווער? פארוואס קען מען נישט זוכה זיין צו לעבן במנוחה? די תשובה איז אז מען קען עס נישט פארשטיין - עס איז אזוי ווי די פרה.

מען הערט אסאך מענטשן זאגן אז ווען זיי וואלטן פארשטאנען דער 'פארוואס' וואלט אלעס גרינגער געווען.

ווען זיי וואלטן פארשטאנען פארוואס זיי דארפן זיך וואלגערן פון איין דירה צו די אנדערע אינדערצייט וואס אנדערע זיצן רואיג, על מי מנוחות, פארוואס קומט זיי אן אזוי שווער די פרנסה ווען פאר אנדערע גייט עס אזוי גרינג.

דער מענטש וויל פארשטיין, אבער ווען מ'שטארקט זיך מיט אמונה און מען ווייסט אז די וועלט איז העכער און טיפער - וויל מען נישט פארשטיין.

דער הייליגער צדיק רבי שלמה קארלינער זי"ע [וועמענס יארצייט געפאלט די טעג כ"ב תמוז] האט געזאגט, אז די ערשטע זאך וואס ער טוט ווען א חסיד קומט צו אים איז צונעמען זיין שכל [שמע שלמה ענינים אות ז].

דער צדיק האט געשטרעבט אז זיינע חסידים זאלן זוכה זיין צו א העכערע עבודה - זיי זאלן דינען הקב"ה מיט אמונה וואס איז העכער פון די שכל.

ווייל מיט אמונה קומט מען אן צו א העכערע דרגה אין עבודת ה' ווי מיט הבנה.

**גוט שבת**
**פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## אויף 'מילער' און אויף 'האניג'

ווי יעדער איד זוך איך אויך משלב צו זיין תורה אין די ארבעט אויף 'יגיע כפים'.

מיין סדר איז אז יעדן טאג ביז חצות היום לערן איך אין א כולל, און נאכמיטאג פיר איך אן א גראסערי.

אין די לעצטע צייט, צוליב די מלחמה אומשטענדן, איז די מילער סופליי געווען שוואכער ווי געווענליך.

איינס פון די קריטיש זאכן וואס א גראסערי סערווירט די קליענטן איז מילער. אז מען האט נישט קיין מילער וועלן די קליענטן גיין זוכן אין אנדערע גראסעריס, און אז מען גייט שוין אין א צווייטע גראסערי קויפט מען שוין דארט ברויט און פוטער מיט אלע ערלי געברויכן.

איך בין דאך נישט אליין אויפ'ן פראנט. די שטאט ווירבעלט מיט קלענערע גראסעריס און זוכבדיג צו וויסן וואס אנדערע טוען, האב איך זיך נאכגעפרעגט ביי אנדערע געשעפטן וואס זיי טון.

"זייער פשוט", האט איין געשעפטסמאן געזאגט.

"מיר האבן נישט קיין מילעך אבער די גרעסערע סופערמארקעטן האבן יא. צופרי וועל איך אהינגיין און אפקויפן פון זיי א 50-60 פלעשער, און אריבערברענגען צו מיין גראסערי מילעך".

עס איז א גוטע עצה, אבער פאר מיר ארבעט עס נישט. פארמיטאג בין איך א כולל יונגערמאן. כלל ישראל דארף מילעך אבער מיין נשמה דארף אויך האניג, די תורה וואס איז מרמז אויף האניג, מען קען נישט אויפגעבן די מילעך פאר די האניג.

איך האב באשלאסן אז יהיה מה שיהיה איך גיי נישט אויפגעבן מיינע שיעורים פאר מילעך און קליענטן, אבער אין די זעלבע צייט האב איך באשלאסן אז איך גיי אויך טון השתדלות. איך האב באשלאסן אז איך גיי ארייקלינגען צו די סופליי אפיסעס פון מילעך און זיי פרעגן וואס מען קען טון.

קיין איינער האט נישט געענטפערט די טעלעפאן, אבער א שטיק צייט שפעטער האבן זיי צוריקגעקלינגען. הערנדיג וואס איך האב וויל האט דער סופלייער מיר געזאגט אז עס איז יעצט אנגעקומען א פרישע שיפמענט פון מילעך און אזוי ווי דו האסט אריינגעקלינגען די לעצטע ברענגט איך עס צו דיר.

די זעלבע זאך האט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל ביז ווען די סופליי האט זיך באלאנסירט, איך האב געזען אז מן השמים זארגט מען זיך אז מען זאל קענען מקיים זיין ביידע, סיי תורה און סיי ארבעט. עס איז מקויים געווארן ביי מיר די משנה, אז ווער עס איז מקבל אויף זיך דער 'עול תורה' מעבירין ממנו עול מלכות.

## א קעסל אויפ'ן קומענדיגן שבת

ברוך ה' אז איך האב זוכה געווען צו ארבעטן מיט פארבלאנדזשעטע נשמות, און מען ברענגט זיי צוריק צו זייער אפשטאם.

מען רעדט פון אידן וואס זענען געוואקסן אין פרייע שטיבער, זיי ווייסן נישט פון גארנישט, פון קיין מצוות, פון קיין תורה, און מען לערנט מיט זיי די אלף בית פון אידישקייט.

איך האב א שיעור מיט זיי, איך לערן מיט זיי, און ברוך ה' אז מען זעט תוצאות.

## ארויף אויפ'ן פליגער מיט אמונה

מיר זענען פינף בחורים וואס לערנען אין ארץ ישראל אבער מיר זענען אויסלענדער.

ווי עס איז דער סדר אין אלע ישיבות וועלן מיר יעדע סוף זמן אהיימפארן פון די ישיבה קיין אויסלאנד.

ווען עס איז אנגעקומען סוף זמן און מיר האבן זיך געגרייט אהיימצופארן, האבן מיר זיך אראנדזשירט איניינעם און באשלאסן אז אזוי ווי מיר פארן דאך אויף די זעלבע פליגער וועלן מיר פארן צוזאמען.

כדרכם פון בחורים זענען מיר ארויסגעפארן אין די לעצטע מינוט זיך בויענדיג אויף מעשי ניסים. דער טעקסי וועמען מיר האבן באשטעלט האט געשפעטיגט מיט דריי פערטל שעה, און די גאנצע סיטואציע האט אנגעהויבן ווערן שמאלער און שמאלער.

די זייגער האט זיך געדרייט, די צייט איז געווארן קורצער און ווי אייביג, האט פאסירט, וואס פאסירט זייער אפט אויף די רוישיגע ארץ ישראל'דיגע גאסן אז די גאסן זענען געווען ביטערליך אנגעלייגט, פול מיט טראפיק און מיר האבן זיך געטראפן שווימען אין א לאנגע אומרירענדע טרעפיק.

די געמיטער איז אזוי אויך געווען אנגעצויגן, אבער זיצנדיג אין די טרעפיק איז עס געווען נאך ערגער. עס האט זיך אנגעהויבן א פארמעסט פון 'אמונה' מיט געדולד קעגן ווייניג אמונה.

א שטיק צייט פריער האב איך זיך אנגעהויבן שטארקן מיט אמונה, און מיטהאלטנדיג די יעצטיגע סיטואציע האב איך זיך געהאלטן רואיג.

זיצנדיג אין די טרעפיק צוליב א קאר צוזאמענשטויס האב איך זיך געשטארקט זאגנדיג פאר מיינע פריינט אז עס איז נישט דא וואס צו זארגן - אז דער רבוש"ע פירט די וועלט - אז אלעס איז אין זיינע הענט, אבער זיי האבן עס אנגעלייגט אויפ'ן דרייווער אז ווען ער וואלט נישט געשפעטיגט וואלט מיר פארמיטן דער קאר צוזאמענשטויס.

איך האב זיך געהאלטן רואיג, נישט ווערנדיג נאכגעשלעפט נאך זייערע טענות.

ענדע האט זיך דער טרעפיק געעפענט און מיר זענען אנגעקומען אין עירפארט.

עס איז געווען זייער שפעט, די זייגער האט געוויזן אז עס איז ווייניגער ווי צען מינוט פאר די פליגער האט זיך געדארפט הייבן אין די לופט.

מיר האבן אראפגעלייגט אונזערע פאספארטן אויפ'ן טיש אבער יעצט איז אונטערגעקומען א פרישע פראבע פון אמונה. די באאמטע וואס האבן געדארפט פרעגן די זיכרהייט שאלות זענען געווען אין די גיסטע, און האבנדיג די גאנצע צייט אויף די וועלט האבן זיי אונז באהאנדלט מיט קשיא'ס און שאלות וואס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, צו ציען די צייט.

די זעלבע סצענע האט זיך איבער'געחזר'ט ביי די טשעק אין דעסק, אבער אינדערצווישן וואס מיינע חברים זענען געבליבן דארט שטעקן האט מען מיר געלאזט אריבערגיין.

"אויב ביז 20 מינוט ביסטו אויפ'ן פליגער, פיין - אז נישט בלייבסטו דא".

איך האב אנגעהויבן מיין געיעג, איך בין געלאפן האפענענדיג אז מיינע חברים קומען אונטער מיר.

ענדע בין איך געווען דער איינציגסטער ארויפצוגיין אויפ'ן פליגער, און די איבריגע פיר חברים האט מען נישט ארויפגעלאזט אויפ'ן פליגער.

איך בין געווען זיכער אז איך האב עס געמאכט וועגן די אמונה, אז מען גלייבט אז אלעס פירט הקב"ה ווערט מען נישט נערוועז און מען דערהייבט זיך אויף העכערע טבע און מען קומט אן זייער ווייט.

## א צוגעפאסטע דירה

איך וואוין אין ארץ ישראל, אבער ארגינעל שטאם איך פון אויסלאנד.

איך האב אסאך משפחה אין אויסלאנד און מיר האלטן זיך זייער נאנט. מען רעדט טעלעפאניש און מען פארברענגט אסאך, אבער טרעפן - טרעפט מען זיך ביי שמחה'ס.

ווען מיין זון איז א חתן געווארן האט מיין ברודער מיר געקלינגען פון אויסלאנד, בעטנדיג אז איך זאל אוועקלייגן פאר זיי א דירה אויף די טעג ווען זיי גייען זיין אין ארץ ישראל.

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

איך וואוין אין אמעריקע. געציילטע שטונדן פאר די יום שבועות האב איך באקומען א טעלעפאן קאלל פון די לעקטער פירמע אז עס האט זיך אנגעזאמעלט א גרויסע חוב פון מיר ביי די לעקטער קאמפאני און אויב איך גיי עס נישט צאלן - וועלן זיי אפהאקן מיין לעקטער און א גאנץ יום טוב וועל איך נישט האבן קיין לעקטער. רעדנדיג מיט זיי האבן זיי נישט געהאט פאר מיר קיין אנדערע אויסוועג ווי איך זאל קומען קיין מאנהעטן און זיי געבן קעש געלט. נאכ'ן ערקלערן אז דאס איז אוממעגליך ווייל עס איז ערב יום טוב האבן זיי געטראפן א וועג אז איך זאל צאלן מיט א קרעדיט קארטעל. איך האב אראפגעלייגט דער טעלעפאן און דאן האב איך אנגעהויבן כאפן אז זאכן שטימען נישט דא. איך האב אנגעהויבן זיך אינטערעסירן און איך בין ארויפגעקומען אז די גאנצע זאך איז איין לאנגע שווינדלעריי. איך האב אויך באמערקט אז דורכאויס די גאנצע שמועס האב איך זיך געהאלטן רואיג און געלאסן. טראכטנדיג פון וואו כ'נעם די כוחות האב איך זיך געכאפט אז איך בין געבינדן בלב ובנפש צו אייער האטליניע און דאס געבט מיר די כח זיך צוקענען האלטן שטארק ביי די אמונה.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

אונזער משפחה האט זיך ארויסגעלאזט אויף א משפחה שפאציר. ביי יענער שפאציר האט מיין פרוי פארלוירן איר 'צירונג' פושקע. מיר האבן געזוכט די פושקע איבעראל און עס נישט געפינען. זעענדיג אז מען טרעפט עס נישט, האבן מיר צוגעזאגט א נדבה פון געלט פאר די מכון. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז א קינד האט עס אומוועלענדיג אריינגעלייגט ביי אים אין טאש און פארגעסן אז עס ליגט דארט. גלייך נאך די הבטחה האט זיך דאס קינד דערמאנט פון דעם און עס אפגעגעבן פאר אונז.

איך האב אנגעהויבן זוכן א דירה פאר זיי, אבער עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס זאגט זיך גרינגער ווי עס טוט זיך. איך האב געזוכט און געזוכט א דירה, אין אנהייב האב איך געזוכט אומזיסט אבער נישט טרעפנדיג האב איך אנגעהויבן זוכן פאר געלט, אויך פאר געלט האב איך אבער נישט געטראפן פאר געלט, און געטאפט א וואנט.

זעענדיג אז עס גייט נישט האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל און געזאגט, רבוש"ע, איך האב געטון וואס איך קען, פון דא און ווייטער איז עס דיין ארבעט.

איך האב זיך פארלאזט אויף הקב"ה און איך בין צוריק צו די ענינים וואס איך בין עוסק כסדר.

עטליכע טעג שפעטער בין איך געווען ביי א חתונה. זייענדיג ביי די חתונה קומט א באקאנטער צו מיר און באגריסט מיר מיט א מזל טוב זאגנדיג אז ער האט געהערט אז איך האב א שידוך געטון מיט א זון.

"זיכער דארפט איר דירות אויף די טעג ארום די שמחה".

"יא, זיכער".

"איך האב פאר דיר א גוטער זאך", האט ער אנגעהויבן זאגן.

דערביי האט ער פארגעלייגט א דירה וואס געפינט זיך אין זיין בנין, וואס שטייט ליידיג אין די צווישן וואכן וואס קומט אויס גענוי די זעלבע צייט ווי איך מאך חתונה.

דער פארדינגער האט געוואלט דערפאר אן אפצאל, אבער די אפצאל איז געווען קליין קעגן די געווענליכע אפצאל פאר אזא דירה.

מיין ברודער האט זיך מחיה געווען מיט די דירה, איך האב הנאה געהאט פון דעם און געדאנקט הקב"ה אז איך האב עס געקענט צושטעלן.

די מעשה האט מיר געלערנט אז ווען מען נעמט זיך ארויס פון בילד - מען לייגט אלעס אן אויף הקב"ה, רירן זיך זאכן אסאך שנעלער און אסאך בעסער.

## א קליינער טענצל

איך האב געדארפט צוגיין צו א געוויסער דאקטאר וועלכע האט זיין קליניק אין די אומגעגענט פון בני ברק.

איך בין מדגיש די אומגעגענט, ווייל אינדערצייט וואס די שטאט בני ברק איז אן ערליכער שטאט זענען די שטעט באוואוינט מיט אומערליכע אידן און זיי גייען ליידער זייער פריצות'דיג און אויסגעלאסן.

איך האב זיך געגרייט צונעמען טראנספארטאציע, האפנדיג אז איך וועל נישט נכשל ווערן מיט ראיות אסורות, און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

דער 'וועג אהין' איז אריבער גאנץ כמעשה. די באס איז געקומען באצייטנס, איך האב זיך אויסגעוועלט א זיץ וואו מ'גייט ווייניג אריבער, און צו די צייט בין איך אנגעקומען צו די קליניק און אריבער די באהאנדלונג.

די פארמעסטונגען האבן זיך אנגעהויבן אויפ'ן וועג צוריק. איך האב געענדיגט די אפוינטמענט ביים דאקטאר און זיך געגרייט אהיימצופארן, אבער דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז די קומענדיגע באס אהיים איז א שעה ארום.

איך קעןווארטן א שעה אין גאס, אבער נישט אין אזעלכע גאסן וואו מען קען יעדע רגע נכשל ווערן אין אומריינע ראיות. איך האב באשלאסן צו זוכן עפעס אן ארט וואו איך קען ווייל'ן ביני לביני.

זעענדיג א רעסטוראנט מיט א היימישער הכשר האב איך באשלאסן אז איך וועל אהין אריינגיין און ווייל'ן אויף דערוייל. אריינגייענדיג אהין קומט מיר אקעגן א חסיד'ישער איד.

"דו פארסט אפשר קיין בני ברק?"

"איך פאר נעבן בני ברק, אבער דו קענסט קומען מיט מיר".

זיצנדיג אין קאר זאגט מיר דער איד אז ער האט זיך דערמאנט אז ער דארף סיי ווי סיי זיין אין בני ברק און אפטראגן עטליכע דאקומענטן.

"איך וועל דיר שוין אפפירן ביז בני ברק".

דער איד האט מיר טאקע צוגעפירט ביז קיין בני ברק, איך בין אנגעקומען קיין בני ברק צופרידן אז ברוך ה' איך בין נישט נכשל געווארן אין קיין שום אומריינע ראיה.

בשם דער בית אהרן פון קארלין זאגט מען נאך, אז אויף אזא זאך דארף מען זינגען די ניגון פון 'ארוממך' און אפשר אויך ארויסגיין מיט א קליינער טענצל.

איך האב זוכה געווען צו זען יד ה' ווי אזוי הקב"ה פירט אז איך זאל סיי קענען בלייבן ערליך און אויך אפגעהיטן אויפ'ן וועג.

די תוצאות קומען זייער פאמעליך,
עס גייט ווי דינע טראפענעס, א טראפ
נאך א טראפ, אבער ענדע זעט מען גרויסע
זאכן.

איינער פון די גרעסטע פיאנערן אין די וועלט פון תשובה איז געווען דער גאון רבי נח וויינבערג זצ"ל, איך האב זיך אסאך געלערנט פון אים.

איינס פון זיינע יסודות איז געווען אז א מענטש זאל קיינמאל נישט פארגעסן זיין תפקיד, אז ער איז א שליח פון הקב"ה אויסצופירן זיין חלק אין צוריקברענגען אידן לאבינו שבשמים, אז ער זאל טון זיינס און די תוצאות זאל ער לאזן פאר הקב"ה.

ער פלעגט נוצן די משל פון א קרעין. ווען מען שטעלט אויף א קרעין איז דא דער אויבערשטער חלק וואו דער וואס פירט אן די קרעין זיצט. ווייטער איז דא די אונטערשטע חלק וואס געבט די אונטערשטע אנווייזונגען.

א נאאיווער מענטש זעט דעם אונטערשטן ארבעטער ווי ער רוקט די קרעין און מיינט אז ער מאכט אלעס, אבער א קלוגער ווייסט אז אלעס פירט זיך פון אויבן און ער העלפט נאר צו, אויף ווייט ער קען און די איבריגע חלק מאכט דער בורא כל העולמים.

א לעבעדיגער ביישפיל צו דער געדאנק האב איך מיטגעלעבט א וואך פריער.

איינס פון די מיטגלידער פון דער שיעור איז א איד אין די מיטליעריגע יארן. מען רעדט פון א איד וואס האט קיינמאל נישט געהאט קיין אנונג וואס אידישקייט איז, אבער די שיעורים האט האט אים שטארק געכאפט, ער איז געווארן א שטארקער אנהענגער פון זיי.

נאך עטליכע שיעורים האט ער געלאזט וויסן אז פון היינט און ווייטער הייבט ער אן צו האלטן שבת. איך בין געווארן זייער איבערראשט און באשלאסן אז אויף יענער שבת גיי איך אים אריינשיקן א מתנה.

וויסנדיג אז עס איז זיין ערשטער שבת וואס ער גייט האלטן, האב איך אים אריינגעשיקט אלע זאכן וואס עס פעלט זיך אויס פאר א שטוב וואס האלט שבת. איך האב אים אריינגעשיקט א שבת פלַאטֶע, א קעסל, א שבת מעסער, א חלה טישטוך און נאך.

פרייטאג נאכמיטאג, טראכטנדיג אזוי פון דעם איד, האב איך זיך געכאפט אז דער קעסל איז נישט קיין גע'טובל'טער.

איך בין געווארן זייער צומישט. פון איין זייט גייט ער דא היטן זיין ערשטער שבת, ער איז איבערראשט, אבער דאגעגן וויל איך אים נישט באלמוטשענען און אים שווער מאכן מיט נאך הלכות.

איך בין געווען אין א שטארקע פארלעגנהייט, איך האב נישט געוואוסט וואס גיי איך טון.

נו, וואס טוט א איד וואס ווייסט נישט וואס ער האט צו טון? ער בעט הקב"ה.

איך האב זיך געשטעלט אין א זייט און מתפלל געווען אז הקב"ה זאל מיר העלפן און חונן דעת וואס צו טון און מציל זיין דעם איד פון א מכשול.

איך האב געבעטן הקב"ה און זיך פארבינדן מיט דעם איד. ביי אונזער שמועס זאגט מיר דער איד, אז ער האט באשלאסן אז די וואך גייט ער נישט נוצן די שבת קעסל.

"איך דארף עס נאר רייניגן מיט זייף, איך נוץ נישט גלייך קיין נייע כלים".

אז ער האט גערעדט וועגן דעם, האב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט, און אים דערציילט אז מען דארף עס ערשט טובל'ן און געגעבן צו פארשטיין פון וואס מען רעדט.

ער האט ארויסגעוויזן א גרויסע אינטערעסע אין דעם, און איך האב געקוואלן אז איך בין ניצול געווארן פון מכשיל זיין א איד מיט טרינקען פון א נישט גע'טובל'טער כלי.

איך האב געהאט נאך א ראיה צו דער כלל פון ר' נח אז מיר טון אונזערס און הקב"ה איז משלים די פעולה.


טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די א מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז
אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג
אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

**העברה לבנק לאומי**
בנק 10 |סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר**
לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס**
ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב

השגחה פרטית בספרים הקדושים

## זיך מתבונן זיין און מכיר זיין אז אלעס איז מלמעלה איז מיסודי התורה

מיסודי התורה הוא להיות האדם מתבונן ומכיר, שכל מה שיארע לו מאיזה מין של צרה, הכל במשפט מצד עונש משפטי יושרו יתברך. והוא שאמרו "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה". ויבוא מזה שיפשפש במעשיו וישוב מדרכיו הרעים.

(בית הבחירה למאירי)

## קיין שום זאך - אפילו די קלענסטע זאך - געשעט נישט אן א באשטימונג מלמעלה

החכם אשר עיניו בראשו ומסתכל על יתרון אור מן החושך, וחס ושלום בעת אשר בא עליו החושך וצרה שלא תבוא מפגעי הזמן ומקרותיה מכל יסורי עולם הזה גדול או קטן, נותן עיניו וליבו לשמים לומר, הלוא ידעתי כי אין דבר קל שיהיה נעשה בעולם, בפרט בעמו בית ישראל, מקטן ועד גדול, בלא השגחה והבטה פרטית מאיתו יתברך, וזכר כל היצור לפניו בא ובפרט מעשי איש ופקודתו ועלילות מצעדי גבר, אף שנסתר בתוך דרך הטבע, עם כל זאת ההשגחה אמיתית שופע בתוך דרך הטבע, להיעשות לכל איש ואיש כאשר יגזור הגוזר בהשגחה בכל יום ובכל עת ובכל שעה ובכל רגע ורגע, ואין דבר קל בעולם שיהיה נעשה במקרה כדרך שהעולם אומרים, ואמרו חז"ל "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה עד שמכריזין עליו מלמעלה". וכיוון שכן הוא, על מה עשה ה' ככה לענוש אותי בייסורים האלו, הלוא טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו, ותמיד חפץ בטובת בריותיו למלא כל משאלותם וחפצם בכל הטובות וברכות, ומה חרי האף הגדול הזה להכאיבני ולשלוח אליי יסורין האלה, אם לא כי הוא רוצה לרפאני רפואה שלמה רפואת הנפש, שעל ידי היסורין האלו אשוב אליו בלבב שלם ובנפש חפצה בכל עוז ותעצומות, ומהיום והלאה לא אשוב עוד לכסלה, ולקבל עלי ברצון נפשי הטוב עבודתו בשלמות, באהבה וחיבה וביראה.

(סידורו של שבת ח"ב דרוש ג' פ"ב אות יב)

### אין אדם נוקף

**ואמר ר' חנינא: אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה שנאמר: מה' מצעדי גבר כוננו ואדם מה יבין דרכו** (משלי כ, כד, תהלים לז, כג).

(מסכת חולין ז' ע"ב)

## התבוננות אין יעדע זאך - ברענגט די הכרה אז קיין שום זאך געשעט נישט פערצופאל

היסוד הראשון בחובת עבודתנו הוא "לא יהיה בך אל זר", לא לייחס שום כוח לזרים, וזה יסוד האמונה בהשגחה, "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה". "הכרתי גוים נשמו פנותם וגו' אמרתי אך תיראי אותי תקחי מוסר" (צפניה ג, ו). כלל ישראל נתבע שבעת שרואים צרה באה על העכו"ם חייבים ללמוד מזאת ולראות משפט שמיים, שכיוון שאין שום דבר נעשה במקרה אלא הכל מושגח, לכן חייב ללמוד מכך מוסר. על אחת כמה וכמה כאשר רואים משפטי ה' בקרוב אלינו, ודאי שחייבים לתלות זו בקב"ה, ואילו אנו תולים הכל בסיבות שונות, והיינו השתחוואה לאל זר. והוסיף הכתוב: "אנכי ה' אלוקיך המעלך מארץ מצרים". דהיינו, התבונן ביציאת מצרים וראה שהכל נעשה רק ביד ה' יתברך ומבלעדיו אין נעשה כלל. "הרחב פיך ואמלאהו", התבונן והרחב את הדברים, ובזה תגדל ותתעלה ותגיע לשלמות. התבוננות לחיזוק אמונה חייבת להיות בכל מעשה אשר רואה. הנה המעשה חבלה שאירע אתמול בתל אביב, שנחבלו מספר אנשים, ואנו תולים זאת במעשה מסוים של אחד, אבל החובה לראות בכל זה משפט ה', שרק הקב"ה ברצונו עשה זאת.

(אור יחזקאל ח"ב עמוד רעט)

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## די 'אור' אין די 'חשכות'

כלל ישראל טרעט אריין די טעג אין די ימי בין המצרים.

דער נאטורליכער בליק וואס מיר האבן צו די טעג איז אז די טעג זענען טרויעריגע טעג, טעג פון קלאג, אין זיי קלאגט מען אויף דער בית המקדש, אויף די געפערליכע אבידה וואס מיר האבן פארלוירן די טעג און נאך ביז היינט שפירן מיר די אבידה.

אבער נישט נאר דאס איז די ימי בין המצרים.

אז מען קוקט אריין אין די ספרי קודש, זעט מען אז די טעג האבן נאך א באדייט.

די ימי בין המצרים איז 21 טעג, און אויך די יום טוב טעג אין חודש תשרי איז 21 טעג - איינס איז קעגן דעם צווייטן. ווער א איד פרעגן וואס האט איינס מיט די אנדערע? וואס האט די ימי בין המצרים מיט די לעכטיגע תשרי טעג?

נאר דא לערנען מיר זיך א שטארקע געדאנק - מען ווערט געוואויר אז אויך די ימי אבילות איז נישט אזוי פשוט, און אז אין זיי באהאלט זיך אן אור - א פארדעקטע ליכטיגקייט, אבער די ליכטיגקייט עקזיסטירט.

מען ווייסט אז ווי וויכטיגער און טייערער די זאך איז, אלץ מער ווערט מען עס באהאלטן, און די זעלבע בחינה איז אויך דא.

די טעג זענען הייליג און לעכטיג, און פון וואו ווייסט מען עס? ווייל מען זעט ווי עס איז איינגעוויקעלט אין צער ויגון. די צער ויגון איז א סימן אז עפעס ליגט אין איר און טאקע - אז מען גריבלט טרעפט מען די באהאלטענע אור פון די זיסע און הייליגע תשרי טעג.

דאס איז א לימוד פאר די ימי בין המצרים, אבער אויך פאר'ן גאנצן לעבן - אז אויב א מענטש זעט פאר זיך פינסטערניש זאל ער וויסן אז דערונטער פון די פינסטערניש באהאלט זיך אן אור - ווייל אונטער יעדע חשכות איז דא אור.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן שוין בקרוב זוכה זיין צו זען און אנטדעקן די גרויסע אור, און זוכה זיין צו זען בבנין בית המקדש במהרה בימינו, און אז די טעג זאלן נהפך ווערן לרחמים ולרצון.




קלינג אריין שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע אידן פון די גאנצע וועלט **לעבן א בעסערע און א געשמאקערע לעבן** אדאנק די השגחה פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל**
און הייב אן לעבן א רואיגערע און באַטעמ'טע לעבן פול מיט מנוחת הנפש און ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
972-30-11-300+,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633